


גליון מס' 87

# תורת יואל

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

## פרשת שלח תשפ"ו

## וידבר ד' אל משה לאמור, שלח לך אנשים וגו'.

דער מדרש ברענגט צו א הלכה, **מהו לפרוש לים הגדול קודם לשבת ג' ימים**, די שאלה איז: צו מעג מען זיך ארויסלאזן אויף א שיף דריי טעג פאר שבת? **שנו רבותינו:** האבן אונזערע רבנים געענטפערט, אז מען טאר נישט, אויב אבער פארט מען פאר א דבר מצוה, ווערט מען יא מעגן.

דער רי"ף אין מסכת שבת איז מסביר, אז דער טעם איז וועגן **עונג שבת**, ווייל ביז דריי טעג אויף א שיף האט מען **צער**, עס שטערט פון **עונג שבת**, נאך דריי טעג ווערט מען צוגעוואוינט, אויב אבער פארט מען לדבר מצוה דארף מען נישט חושש זיין, ווייל <u>העוסק במצוה פטור ממצוה</u> איינער וואס איז עוסק - פארטהון אין א מצוה, איז פטור בשעת מעשה פון אן אנדערע מצוה.

פרעגן אלע מפרשים, ווי קומט די הלכה צו די פרשת מרגלים?

דער רבי לייגט צו נאך א קשי', ווי אזוי איז מעגליך אז די שלוחים וואס זענען אנפאנג געווען עהרליך און כשר, און זענען אזוי שנעל געווארן איבערגעדרייט צו מרגלים - רשעים?

דער רבי ברענגט צו א דרוש פון הייליגן ספר **ערבי נחל**, וואס איז מסביר צוויי אופנים - צווי וועגן, ווי אזוי דער יצר הרע ארבעט אויף א מענטש ער זאל זינדיגען רח"ל, די ערשטע וועג איז פשוט, ער רעדט צו א איד צו טוהן אן עבירה, וואס באמת מיט א ביסל התבוננת און לימוד התורה קען מען זיך שטארקן אויפן יצה"ר, ווי דער רבי דרוקט זיך אויס:

<u>ווער איז דען א נער און וויל עובר זיין אויף דעם באשעפערס רצון</u>. נאר וואס דען, ס'פעלט דער התבוננת, א מענטש טראכט נישט, און אזוי פאלט מען ליידער דורך.

דער צווייטער וועג איז, ווען ער רעדט צו א תלמיד חכם א צדיק, דעמאלטס איז ער צובע - ער פארבט די עבירה, און מאכט עס אויסקוקען ווי א מצוה, און דאן איז זייער שווער בייצוקומען דעם יצה"ר, מען דארף זיין א שטארקער תלמיד חכם, מיט אסאך סייעתא דשמיא', נישט ארייינצופאלן אין זיין נעץ.

דער של"ה הק' איז מסביר, אז די מרגלים האבן מכוון געווען לשם שמים און געהאלטן אז די אידן מוזן נאך בלייבן אין מדבר כדי צו זיין ראוי' ארייינצוגיין אין ארץ ישראל, וואס באמת איז דאס געווען א פיתוי היצר, וואס דער יצה"ר האט אנגערעדט און געפארבט פאר א מצוה.

יעצט איז שוין פארשטענדליך דער מדרש וואס ברענגט צו די הלכה, ווען מ'מעג פארן אויף א שיף, וואס פון דארט זעהן מיר די הלכה אז העוסק במצוה איז פטור מן המצוה, במילא האבן די מרגלים נישט געלערנט אויפן וועג, איז שוין אויך נישט שווער די צווייטע קשי', וויאזוי דער יצר הרע האט זיי געקענט איינרעדן - אז דאס נישט ארייינגיין אין א"י איז גאר א מצוה - וויבאלד אז מען לערנט נישט, האט מען נישט די כח התורה מיט זיך, צו פארשטיין וואס עס איז באמת דער רצון השם.

---

### הערת הקורא

ליינענדיג דעם מאמר איבער ספירת העומר, אז סאטמאר ציילט הערשט נאך עלינו, א מנהג וואס שטאמט ארגינעל פון וויזניץ, וויל איך צוצייכענען אז זאגן ידיד נפש פאר הודו, שטאמט אויך פון מנהג קאסוב/וויזניץ, אזוי ווי א גרויס טייל תושבי סיגוט זענען געווען קאסוב און וויזניצע חסידים, האט דער קדושת יו"ט אנגענומען דעם מנהג.

(חיים מייזעלס - וויליאמסבורג)

# מיין מעשה

**הר"ר חיים שמידט הי"ו - יליד מאנטעווידא**

**עס איז זייער ספעציעל צו שמועסן מיט א לאנדסמאן, א געבוירענער אין ארוגוויי, צו עלטערן אפשטאמיגע פון פולין/ליטע, און הערן א ארגינעלע מעשה, וואס בדידיה הוה עובדא.**

מיין טאטע איז געווען פאר די קריג א סטאלינער חסיד, אבער נאך די קריג האט ער זיך געפיהרט ווי א ליטוואק, מיטן גאנצן ליטווישן אקצענט, און אויפגעצויגן זיין משפחה ווייט פון חסידות, אבער זייער עהרליך און אפגעהיטן.

איך בין געבוירען תיכף נאך די קריג, און פון די 2-3 יאר, האב איך געליטן פון א קרענק וואס הייסט "קאלייטעס", וואס אפי' היינט צוטאגס איז נישטא קיין עכטע רפואה, סה"כ קען מען פארגרינגערן דעם מצב און לעבן דערמיט, אזוי בין איך אויפגעצויגן געווארן אונטער א שטארקע אויפזוכט און א שטרענגע דיעטע, וואס האט מיך געהאלטןביים לעבן.

אין יענע צייטן האבן די דאקטוירים געהאלטן אז מ'מוז ארויסנעמען די מאנדלען (טאנסעלס) ביי די 11-12 יאר, אפי' מען איז געזונט און שטארק, נישט קיין חילוק צו מען ליידט ח"ו אויף מחלות צו נישט, דאס איז געווען דער מעדיצינ'שער פראטאקאל בימים ההם.

צוליב מיין מצב, און ווי אויך צוליב מיין שוואכן נאטור, צו פארלירן אסאך בלוטביים קלענסטן קלאפ, האט קיין שום דאקטער נישט געוואלט זיך אונטער נעמען צו מאכן מיין מאנדלען אפעראציע, מיין מאמע האט מיך גענומען צום גרעסטן דאקטאר, פראפעסער רעגאלעס - דער גרעסטער פראפעסער אין זיד-אמעריקע, און ער האט געענטפערט אז די עלטערן מוזן אונטערשרייבן אז סיי וואס ס'געשעט בשעת די אפעראציע איז ער נישט אחריות, עפעס, וואס מיינע עלטערין האבן נאכנישט געקענט פויעל'ן ביי זיך צו טוהן.

אונזער רב איז געווען הרב כ"ץ, שפעטער באקאנט אלץ דער זשיבויער רב זצ"ל, מיין טאטע איז אריבער געגאנגען צו אים זיך שואל עצה זיין, זאגט דער רב, אז איצט פארט א אינגערמאן אויף געשעפטן קיין נ.י. איך וועל שיקן א בריוו צו סאטמאר'ן רבי'ן, און מען וועט ווארטן אויף די תשובה.

איך ווייס נישט וואס הרב כ"ץ האט געשריבן און זיין בריוו צום רבי'ן, בערך 10 טעג שפעטער קומט דער אינגערמאן צוריק אהיים, מיט א שליחות פון סאטמאר'ן רבי'ן, איינס א בריוו צום דאקטאר - א גוי - וואס נאר דער דאקטאר מעג לייענען, און א קמיע פאר מיר, מיט א ווארענונג אז איך טאר דאס "קיינמאל נישט אויסטוהן" אפי' אין באָד אויך נישט.

נאך א באפעל, אז ווען מען טראגט דעם בריוו צום דאקטאר, זאל מען מיטנעמען א ווייסע האן.

איך געדענק ווי היינט, מיין מאמע לייגט אריין א ווייסע האן אין א קארב, און מיר גייען צום דאקטאר אהיים, ער האט געוואוינט אין א הערליכע לוקסעריעזע בנין פון איבער דרייסיג שטאק, א וואלקענקראצער לויט די דעמאלסדיגע השגות, מיט א טויער וועכטער ביים אריינגאנג.

דער וועכטער זעהט א אידענע מיט א האן אין א קארב, האט ער פארשטייט זיך נישט אריינגעלאזט, הערשט נאך לאנגע טענה'ריי האט ער ארויף געקלינגען צום דאקטאר, און באקומען ערלויבעניש, מיר זאלן ארויף גיין צו זיין דירה, די פרוי זיינע עפנט די טיר, זעלבע מעשה, זעהט א אידענע מיט א האן, פארקלאפט די טיר, זי האט מסתמה מורא געהאט פאר די נייע טאפעטן, ענדליך קומט דער דאקטאר אליינס ארויס, און מיין מאמע גיט איבער קודם דעם פארמאכטן קאנווערט.

דער דאקטאר עפנט אויף, און הייבן אן לייענען, און ווערט ווייס ווי די וואנט, ווי געשמועסט דער דאקטאר איז געווען א גוי, און ער לייענט דא א בריוו פון סאטמאר'ן רבי'ן, איך ווייס נישט אויף וועלכע שפראך, ווייל מיר האבן דעם בריוו קיינמאל נישט געזעהן, אבער ער איז געווארן שאקירט, נאכן לייענען הייסט ער א משרתת איבערנעמען דעם האן, און זאגט אונז די ווערטער: איך וועל מאכן די אפעראציע, איר מוזט נישט גארנישט אונטערשרייבן.

ס'איז איבעריג צו דערציילן, אז די אפעראציע איז אדורך בשלום בזכות דעם צדיק, און אויך מיין לאנג יעריגע קרענק איז צוביסלעך פארשוואונדען געווארן, און צו מיין בר מצוה, האב איך שוין געגעסן פריש ברויט, עפעס וואס איך האב נישט געטארט צורירן מיין גאנץ לעבן, די קמיע האב איך - פארשטייט זיך - קיינמאל נישט אויסגעטוהן, נאר געטוישט דעם בייטל מזמן לזמן, אלץ געהאנגען אויפן האלז, כיס בתוך כיס.

א סאך יארן שפעטער, לאנג נאך מיין חתונה, איך האב שוין געוואוינט דאן, אין ארץ ישראל, א מוצאי שבת, און איך טוה אויס די קמיע און איך לייג עס אויפן נאכט קעסטל, מיין פרוי וואונדערט זיך און פרעגט, וואס גייט פאר? איך בין צו הייס זאג איך, און איך בין איינגעשלאפן.

אינדערפרי איך גיב א קוק, און די קמיע איז נישט דא, איך וועק אויף מיין פרוי, און מיר הייבן אן זוכען, פון 7 צופרי ביז 12 מיטאג, 5 שעה רצופות, האבן מיר געזוכט און איבערגעדרייט די שטוב "נישט צום געפינען", נאך עטליכע טעג הער איך, אז די וואך איז די שבעה פון סאטמאר'ן רבי'ן זי"ע, האב איך שוין אלעס פארשטאנען.

מיט די צייט האב איך מיך געצויגן קיין מאנסי, און כ'האב פארציילט די מעשה פאר א שכן מיינער, א סאטמאר'ער חסיד, און ער זאגט מיר א ס'איז באוואוסט אז דער רבי האט געשריבן 7 קמיעות בחייו, זאגט יענער אז ער איז עס נאכגעגאנגען, און געטראפן 5 פון די 7, און איר זענט דער זעקסטער, און ווי וואונדערליך איז אז יעדע איינע איז פארשוואונדען געווארן ווען רביה"ק האט זיך געזעגנט פון די וועלט.

זכותו יגן עלינו!

**יש"כ פאר ידידי הרב א.ז.ג. פריעדמאן הי"ו,**
**פאר דעם רעפעראט צו בעל המעשה**